תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

ב"ה

# שַׁאֲלוֹת אוּן יְדִיעוֹת

אויף

## פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא

נאמען ______________________ ני"ו

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (א) הר"ר הערשל גראס הי"ו

# שאלות אויף פרשת כי תבוא

**א. וואס לערנען מיר פון די מצות ביכורים ?**

אז די ערשטע געצייטיגטע זאלען מיר אוועק געבען און נישט חַאפְּן (כַאפְּן) פאר זיך, און נאכדעם וואס מ'האט שוין אוועק געגעבן קען מען שוין אליין עסן [דברנו באריכות גדול, הענין שלא לחטוף אוכל כשבאים לשמחות או אפילו בבית וכדומה].

סיפור עם יהודי שהיה לוקח רשות אצל המחותנים בחתונה ליקח כמה מנות כדי ליתן לעניים, והיה יהודי שראה וחשב שהוא גנב ואח"כ שמע שהוא יהודי צדיק שרוצה להחיות עניים וגם רוצה לזכות את בעל השמחה...

**ב. וואס פאר אַ קויש ברענגען עשירים ? און וואס פאר אַ קויש ברענגען עניים ?**

אַ עושר האט געברענגט פון גאלד אדער זילבער, און אַ עני האט געברענגט פון העלצער.

**ג. פון ווען האט מען צוגענומען דעם קויש און פאר ווען האט מען צוריק געגעבן ?**

פאר אַ ארימאַן האט מען צוגענומען, און פאר אַ עושר האט מען צוריק געגעבן.

**ד. פארוואס ?**

ווייל פאר ארימאַן וואונטשט מען אַן אז די אנדערע יאהר זאָל ער שוין ברענגען פון גאלד אדער זילבער.

**ה. פאר ווען געבט מען מעשר ראשון ? פאר ווען מען מעשר שני ? פאר ווען מעשר עני ?**

מעשר ראשון פאר'ן לוי, מעשר שני קיין ירושלים, מעשר עני צו די גר יתום ואלמנה.

**ו. וועלכע יאהרן איז מעשר שני ? און וועלכע יאהרן איז מעשר עני ?**

מעשר שני איז די ערשטע צווייטע פערטע פינעפטע, און מעשר עני איז די דריטע מיט די זעקסטע.

**ז. וואס זענען אלע קללות וואס שטייט אין די פרשה ?**

ס'איז ברכות וואס זענען באהאלטן אין קללות כדי די מלאכים פון די עבירות זאלן נישט מקטרג זיין אויף די אידן.

**אַ גוט שבת**

המלמד

בס"ד


# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעוכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (ב) הר"ר מנשה ברוך קליין הי"ו


# שאלות אויף פרשת כי תבוא

**א.מה הסימן שאדם עושה לפרי שבכרה בשדהו ?**

כורך עליה גמי ואומר הרי זה ביכורים.

**ב. מאיזה מיני פירות חייבים להביא ביכורים ?**

מפירות שבעת המינים בלבד.

**ג. באיזה סלים מביאים ביכורים ?**

העשירים מביאין את ביכוריהם בסלי כסף או זהב, והעניים מביאים בסלי נצרים.

**ד. כיצד מעלים הבכורים לירושלים ?**

כל האנשים מתקבצים לרחובה של עיר, והשור הולך לפניהם וקרניו מצופות זהב, ועטרה של זית בראשו ומזמרים בחליל לפניהם, וכשהגיעו לביהמ"ק כל אחד נוטל את סלו עם הביכורים על כתיפו וקורא פרשת הביכורים.

**ה. למי היו חוטפים את הסל ולמי היו מחזירים ?**

לעני היו חוטפים ולעושר היו מחזירים .

**ו. למה ?**

דלהעני היו מברכים שיתעשר ובשנה הבאה יביא את הביכורים בסל זהב.

**ז. איזה מעשר נותנים לגר ליתום ולאלמנה ?**

מעשר עני, ונותנים להם מהפירות כדי שבעו

**ח. למי נותנים מעשר ראשון ? למי נותנים מעשר שני ? ולמי מעשר עני?**

מעשר ראשון ללוי. מעשר שני היו מעלים לירשלים. ומעשר עני לגר יתום ואלמנה.

**ט. איזה שנים הם מעשר שני ואיזה שנים מעשר עני ?**

מעשר שני הראשון שני רביעי חמישי ומעשר עני שלישי ושישי.

**י. מה הם הקללות הכתובים בפרשת השבוע ?**

הם ברכות הצפונים בהקללות כדי שהמלאכים הנבראים מהעבירות לא יקטרגו על כלל ישראל .

בברכת א גוט שבת

המלמד

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעוכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק

פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי:

דִי גְמָרָא זָאגְט אַז וֶוען אֵיינֶער עֶסְט דִי שִׁירַיִים פוּן אַ מֵייז אִיז דָאס קָשָׁה לְשִׁכְחָה, אַז מְ'קֶען פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען. אוּן עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אַז וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט נִישְׁט אַרָאפּ קֵיין מַעֲשֵׂר קוּמֶען דִי מֵייז אוּן זֵיי עֶסְן אוֹיף זֵיין תְּבוּאָה. קוּמְט אוֹיס אַז דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק "לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ" אִיךְ הָאבּ יָא גֶענוּמֶען מַעֲשֵׂר, מִמֵילָא "וְלֹא שָׁכָחְתִּי" הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען, וֵוייל דִי מֵייז זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען עֶסְן פוּן דִי תְּבוּאָה.

## בָּרוּךְ אַתָּה בְּבֹאֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ:

שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ אַז פוּן דָא לֶערְנְט מֶען אַז דֵיין שְׁטוּבּ זָאל זֵיין נֶעבְּן דִי שׁוּהְל זָאגְן דִי סְפָרִים אַז דָאס מֵיינְט אַז אַזוֹי וִוי אַ אִיד פִירְט זִיךְ אִין שׁוּהְל זָאל עֶר זִיךְ פִירְן אוֹיךְ אִינְדֶערְהֵיים, סְ'אִיז דָא אִידְן וָואס אִין שׁוּהְל זֶענֶען זֵיי פְרוּם אָבֶּער אִינְדֶערְהֵיים טוּהְן זֵיי וָואס זֵיי ווִילְן נִישְׁט וִוי אַ אִיד וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז סְ'זָאל זֵיין דִי שְׁטוּבּ נָאנְט צוּם שׁוּהְל אִין אוֹיפְפִירוּנְג.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


# חוֹדֶשׁ אֱלוּל (ג)

מְ'זָאגְט נָאךְ אַ מָשָׁל אִין נָאמֶען פוּנֶעם בְּרִיסְקֶער רָב ז"ל: אִין דִי מִלְחָמָה יָארְן, זֶענֶען גֶעוֶוען סוֹחֲרִים וָואס פְלֶעגְן אַרִיבֶּער פִירְן סְחוֹרָה פוּן אֵיין לַאנְד צוּ דִי צְוֵוייטֶע, וֵוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט אַרִיבֶּער פִירְן קֵיין סְחוֹרָה נָאר אוֹיבּ מְ'הָאט בַּאצָאלְט שְׁטֵייעֶר, אוּן עֶס הָאט גֶעקָאסְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, וֶועגְן דֶעם פְלֶעגְן זֵיי עֶס אַרִיבֶּער פִירְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אוּן זֵיי הָאבְּן פַארְדִינְט אַסַאךְ גֶעלְט פוּן דִי סְחוֹרָה, אָבֶּער דִי סַכָּנָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, וֵוייל אוֹיבּ מְ'הָאט זֵיי גֶעכַאפְּט הָאט מֶען גֶעקֶענְט הַארְגֶענֶען פַאר אַזַא זַאךְ.

אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן וָואס הָאט גֶעוָואלְט אַרִיבֶּער פִירְן סְחוֹרָה צוּ אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פֶערְד מִיט אַ וָואגְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אוּן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי סְחוֹרָה כְּדֵי עֶס אַרִיבֶּער צוּ פִירְן צוּ דִי אַנְדֶערֶע לַאנְד, גְלֵייךְ וֶוען מְ'הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן הָאט דֶער אִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ צִיטֶערְן, דִי הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ קְלַאפְּן, אוּן וִוי מֶער עֶר הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דִי גְרֶענִיץ הָאט עֶר אַלְץ מֶער אוּן מֶער גֶעצִיטֶערְט, וֶוער וֵוייסְט צִי מְ'וֶועט אִים נִישְׁט כַאפְּן מִיט דִי סְחוֹרָה וָואס עֶר פִירְט אַרִיבֶּער.

אָנְקוּמֶענְדִיג מַמָשׁ נֶעבְּן דִי גְרֶענִיץ, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעפִירְט דִי וָואגְן אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסְל צוּ מוֹרָא הָאבְּן, וֵוייל אוֹיבּ מְ'וֶועט זֵיי חָלִילָה כַאפְּן וֶועט עֶר אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פַארְגְלֵייךְ צוּ דִי שְׁרֶעק פוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת אַלֵיין, וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אִין אַ סַכָּנָה.

דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעפִילְט בִּכְלַל קֵיין שׁוּם פַּחַד וֶוען מְ'אִיז אַרִיבֶּער מִיט דִי סְחוֹרָה צוּ דִי אַנְדֶערֶע לַאנְד, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי "פֶערְד" וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפִילְט קֵיין שׁוּם שְׁרֶעק פוּן וָואס מְ'דַארְף יֶעצְט מוֹרָא הָאבְּן.

בס"ד

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ וֶוען מְ'שְׁטֵייט אַצִינְד אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם הַדִין, וֶוען דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֵייט מִשְׁפֶּט'ן יֶעדְן אִיד אוֹיף אַלֶע זֵיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ גַאנְצֶע יָאר, דִי צַדִיקִים דִי עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי פִילְן אַז זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אִין אַ סַכָּנָה, פִילְן זֵיי שׁוֹין גְלֵייךְ פוּן אָנְהֵייבּ פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל דִי גְרוֹיסֶע שְׁרֶעק אוּן צִיטֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואסְפַאַרַא יָאר מְ'גֵייט אוּנְז פַאַרְשְׁרֵייבְּן, אוּן וָואס מֶער אַ טָאג עֶס הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט זֵייעֶר שְׁרֶעק שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, אָבֶּער דִי פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין דִי מַדְרֵיגָה זֵיי זֶענֶען נָאךְ חוֹדֶשׁ אֱלוּל גַאנְץ רוּהִיג אוּן זֵיי פִילְן נָאךְ נִישְׁט פוּן וָואס מְ'דַארְף מוֹרָא הָאבְּן, אָבֶּער וֶוען עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דֶער יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֵייבְּן זֵיי שׁוֹין אוֹיךְ אָן אַבִּיסְל צוּ צִיטֶערְן.

אָבֶּער דֶער וָואס וֶוערְט נִישְׁט נִתְעוֹרֵר אֲפִילוּ מַמֶשׁ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער אִיז אַזוֹי וִוי יֶענֶע פֶערְד... וָואס זֵיי פִילְן נִישְׁט גָארְנִישְׁט אַז מְ'דַארְף מוֹרָא הָאבְּן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אָן קֵיין שׁוּם גֶעפִיל פוּן צִיטֶער פוּן דֶעם יוֹם הַדִין.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין דִי טֶעג, אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן חָלִילָה וִוי אַ... פֶערְד, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִים "אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין" עֶטְץ זָאלְטְס נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי אַ פֶערְד וָואס פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט גָארְנִישְׁט וֶועלְכֶע טֶעג מְ'גֵייט אַצִינְד אַרִיבֶּער, נָאר מְ'זָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן אוּן מוֹסִיף זַיין תְּפִלָּה אַז מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן בְּשָׁלוֹם אוּן אַרוֹיסְגֵיין זַכָּאִי בַּדִין.

* * *

דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִים זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן דֶעם מָשָׁל בֵּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּן מֶלֶךְ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט קֶעגְן זַיין טַאטְן, אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פַאַרְשִׁיקְט פוּן שְׁטוּבּ, ווילַאנְג דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען נָאנְט צוּם שְׁטוּבּ הָאבְּן נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אַ בֶּן מֶלֶךְ אוּן מֶען הָאט אִים מְקַרֵב גֶעוֶוען מְ'הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען וַוייל עֶר אִיז אַ בֶּן מֶלֶךְ, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק




דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין טַאטְנְס שְׁטוּבּ, הָאט מֶען אִים מֶער נִישְׁט דֶערְקֶענְט, אוּן מְ'הָאט אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען.

בְּלִית בְּרֵירָה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְקוֹיפְן זַיינֶע מַלְבּוּשִׁים, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן צוּ עֶסְן, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קְלֵיידֶער צוּ פַארְקוֹיפְן הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס פַארְדִינְגֶען אַלְס אַ פַּאסְטוּךְ אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אָן הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעהַאלְטְן מִיט עֶסְן אוּן עֶס הָאט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, וֵוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ הוֹיזְן אוּן מִיט אַ הֶעמֶעד אוּן עֶר אִיז כְּסֵדֶר גֶעזֶעצְן מִיט דִי שֶׁעף אוֹיפְן בַּארְג אוּן זֵיי גֶעפַּאשֶׁעט, אוּן עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ בֶּן מֶלֶךְ.

אֵיין זַאךְ הָאט אִים גֶעפֶעלְט, אַלֶע פַּאסְטוּכֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שְׁטוּבֶּעלֶע פוּן שְׁטְרוֹי וואוּ זֵיי זָאלְן קֶענֶען בַּאשִׁיצְן פוּן אַ רֶעגְן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט זִיךְ מַאכְן אַזַא שְׁטוּבֶּעלֶע, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן, אֵיינְמָאל אִיז דֶער מֶלֶךְ אַדוּרְךְ גֶעפָארְן דִי מְדִינָה, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער מִנְהָג אַז יֶעדֶער וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בַּקָשָׁה הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ פַּאפִּיר אוּן וֶוען דֶער מֶלֶךְ אִיז אַרִיבֶּער גֶעפָארְן הָאט מֶען אַרֵיין גֶעוָוארְפְן דִי בַּקָשָׁה צוּם מֶלֶךְ אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט מְמַלֵא גֶעוֶוען דִי בַּקָשׁוֹת, צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער בֶּן הַמֶלֶךְ אוּן עֶר הָאט אַרֵיין גֶעוָוארְפְן זַיין בַּקָשָׁה אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַ שְׁטוּבֶּעלֶע אַזוֹי וִוי דִי אַנְדֶערֶע פַּאסְטוּכֶער.

וֶוען דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיוו אוּן עֶר הָאט דֶערְקֶענְט דִי שְׁרִיפְט פוּן זַיין זוּהְן, הָאט אִים דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן אַז עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז עֶר אִיז אַ בֶּן מֶלֶךְ, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין נִישְׁט וָואס עֶס פֶעלְט אִים, אוּן עֶס טוּט אִים וֵויי נָאר עֶפֶּעס אַ נַארִישֶׁע שְׁטוּבֶּעלֶע.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִים אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער מַצָב בֵּיי אוּנְז, מִיר הָאבְּן שׁוֹין פַארְגֶעסְן אַז מִיר זֶענֶען קִינְדֶער פוּן אַ מֶלֶךְ, מְ'הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסְן וָואס עֶס פֶעלְט אוּנְז, אֵיינֶער שְׁרֵייט אוּן בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה, אוּן אַ צְוֵוייטֶער בֶּעט אוֹיף קִינְדֶער, אוּן אוֹיפְן עִיקָר פַארְגֶעסְט מֶען צוּ בֶּעטְן, אַז מְ'זָאל צוּרִיק וֶוערְן בְּנֵי מְלָכִים אַזוֹי וִוי אַמָאל, דָאס פַארְגֶעסְט מֶען אִינְגַאנְצְן צוּ בֶּעטְן.

בס"ד

פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**ו"ענית" ואמרת.** הרמז בזה, שהאדם צריך להיות בהכנעה, עני בדעת קודם התפילה, כמו שכתוב (תהלים קב א) תפלה ל"עני" כי יעטוף, וזה "עני" ואביון אנכי, היינו עני בדעת.

(תפארת שלמה)

**לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי.** וצ"ב מהו הווידוי שלא שכח מהמצוות אדרבה מעלה היא שקיים את המצוות (עיין רשיז"ל). וי"ל על פי מה שכתבו הספה"ק לפרש אמרינו בתפילת ראש השנה "כי זוכר כל הנשכחות אתה" דאם אדם עושה מצוה וזוכרו להתפאר בו ואז נשכח זכותו למעלה ורק אם אינו מתפאר בו הרי היא בבחינת שכחה אצלו אז מזכירין זכותו למעלה, וכמו"כ בעבירות מי שחטאתו נגדו תמיד ומתאונן על זה כל ימי חייו אז אין מזכירין חטאו למעלה אבל אם שוכח עוונותיו אז נזכר החטא ח"ו למעלה, וזהו "כי זוכר כל הנשכחות אתה", בין עבירה ובין מצוה. והשתא א"ש אמנם לא עברתי ממצותיך אבל החסרון הוא ולא שכחתי, שזכרתי והתפארתי במצוה שעשיתי ועל זה הוא מתודה.

(דברי יואל)

**ברוך טנאך ומשארתך.** בדרך רמז יש לפרש, בראשי תיבות של "טנא", היינו ט'עמים נ'קודות א'ותיות שתוציא מפיך בעת התפילה, הם יתברכו שתפילתך תתקבל, אמנם באמת דעת הנברא קצרה לתבוע כל צרכיו, לכן הוסיף שגם "משארתיך" כלומר מה שתשייר, שלא תוציא בשפתיך בתפלה אותיות המחשבה, גם הם יתברכו.

(אגרא דכלה)

פעם אחת כאשר נסע מרן הישמח משה זי"ע לקבל פני כבוד רבו החוזה מלובלין זי"ע, שלח חסיד אחד ועשיר ר' יעקב ז"ל מק"ק שינאווא פעקל טאבאק להוליכו להחוזה, וכשהי' הישמח משה על אם הדרך חשב לעצמו, הנה אמרו חז"ל כל המביא דורון לת"ח כאילו הקריב ביכורים, ולא כתוב "הנותן" דורון, אלא "המביא" דורון, ואם כן הרי אנוכי המביא דורון זה להצדיק, יה"ר שיהא חשוב ומרוצה כאילו הקרבתי ביכורים, כן העלה על לבו, וכאשר בא אל בית רבו ומסר לו הטאבאק אשר שלח פלוני על ידו, לקח תיכף הטאבאק והריח בו ואמר בזה"ל: "איך פיל דא אַ ריח פון ביכורים", ובתוך הדברים אמר כמו המדבר לעצמו, אין מן התימה שמרגישים בו טעם ביכורים, הלא החסיד פלוני הוא השולח והרב משינאווא הוא המביא.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

[illegible] שלעשר ולא שלעני.

שלעשר ולא שלעני.

## פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא

# שְׁרַייבּ אַרֵיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בֵּיי זֵיין טֵייטְשׁ

| | | |
|---|---|---|
| וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית | א | אוּן עֶר זָאל דָאס לֵייגְן |
| וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא | ב | אוּן דוּ זָאלְסְט עֶס לֵייגְן אִין אַ קוֹישׁ |
| לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם | א | אוּן מִיר הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן |
| הִגַּדְתִּי הַיּוֹם | א | וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן |
| וְהִנִּיחוֹ | כ | אִיךְ זָאג הֵיינְט |
| וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ | ו | אוּן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעצֵייטִיגְטֶע |
| אֲרַמִּי | י | אוּן אוּנְזֶער פְּלָאג |
| אֹבֵד אָבִי | ל | אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן זַייט |
| וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים | כ | אוּן זֵיי הָאבְּן אוּנְז שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן |
| וַנִּצְעַק | ר | צוּ מַאכְן רוּעֶן זֵיין נָאמֶען דָארְט |
| אֶת עָנְיֵנוּ | ת | אוּן דוּ זָאלְסְט הוֹיעֶך זָאגְן |
| וְאֶת עֲמָלֵנוּ | מ | הָאט גֶעוָואלְט פַארְלִירְן מֵיין טַאטֶע יַעֲקֹב |
| וְאֶת לַחֲצֵנוּ | ע | דֶער לָבָן הָאֲרַמִּי |
| | ר | |
| | ש | |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן

פוּן וָואס מְ'הָאט

גֶעדַארְפְט זָאגְן

נָאכְן גֶעבְּן פַארְן לֵוִי

דִי מַעֲשֵׂר

| | | | |
|---|---|---|---|
| | | | |

| | |
|---|---|
| | |

| | | |
|---|---|---|
| | | |

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

| | |
|---|---|
| הִנֵּה הֵבֵאתִי | אָט הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט |
| כִּי תְכַלֶּה | און אוּנְזֶער דְרִיק |
| וְשָׂבֵעוּ | אוּנְזֶער פֵּיין |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

### פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא

## שְׁרֵייבּ אַרֵיין דִי אוֹת פוּן דִי טֵייטְשׁ בֵּיי זֵיין וָואֹרְט

| | | | |
|---|---|---|---|
| מַגִּיד | | ה | אַלֵיינְס |
| שֶׁלֹּא נִתְחַיְּיבוּ | | ע״ז | אַ רוֹיטֶע פָּאדֶעם |
| עַל שֶׁכָּבְשׁוּ | | ר | אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָוארְן מְחוּיָּב |
| וְחִלְּקוּהָ | | ץ | בִּיז זֵיי הָאבְּן אֵיינְגֶענוּמֶען |
| חַיָּיבִין | | ל | אַזוֹי אוֹיךְ דָא |
| בִּלְבַד | | ה | וָואס עֶס אִיז גֶעלוֹיבְּט גֶעוָוארְן |
| שֶׁנִּשְׁתַּבְּחָה | | ז | אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר צוּטֵיילְט |
| אַף כָּאן | | ו | אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרָאפּ |
| שֶׁשַּׁמְנוֹ | | ד | אוּן עֶר זֶעהְט |
| אָדָם יוֹרֵד | | ר | וָואס זֵיין אוֹיל |
| וְרוֹאֶה | | ר | וָואס אִיז גֶעוָוארְן גֶעצֵייטִיגְט |
| שֶׁבִּכְּרָה | | ב | אִיז מֶען מְחוּיָּב |
| גְּמַי | | א | דֶער פָּסוּק קוּמְט צוּ זָאגְן |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וֶועלְכֶע לַאנְד הָאט אוּנְז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעגֶעבְּן

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# צֵייכְן אַ ✓ בֵּיי דִי רִיכְטִיגֶע קֶעסְטְל

| | דֶער אֵייבִּישְׁטֶער | דִי אִידְן | דֶער בַּעַל הַבַּיִת | דֶער כֹּהֵן |
|---|---|---|---|---|
| וִירִשְׁתָּהּ | | | | |
| וְלָקַחְתָּ | | | | |
| וְשַׂמְתָּ | | | | |
| וּבָאתָ | | | | |
| וְהִנִּיחוֹ | | | | |
| וְעָנִיתָ | | | | |
| וַנִּצְעַק | | | | |
| וַיְבִאֵנוּ | | | | |
| הֵבֵאתִי | | | | |
| וְהִנַּחְתּוֹ | | | | |
| וְשָׂמַחְתָּ | | | | |
| וְנָתַתָּה | | | | |
| בִּעַרְתִּי | | | | |
| שָׁמַעְתִּי | | | | |
| הַשְׁקִיפָה | | | | |
| וּבָרֵךְ | | | | |

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

| נֶעם אַרוּם וֶועלְכֶע יָאר? | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| מַעֲשֵׂר רִאשׁוֹן | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 |
| מַעֲשֵׂר שֵׁנִי | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 |
| מַעֲשֵׂר עָנִי | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 |

| נֶעם אַרוּם וֶועלְכֶע פְּלַאץ? | | |
|---|---|---|
| מַעֲשֵׂר רִאשׁוֹן | יְרוּשָׁלַיִם | אִיבֶּערָאל |
| מַעֲשֵׂר שֵׁנִי | יְרוּשָׁלַיִם | אִיבֶּערָאל |
| מַעֲשֵׂר עָנִי | יְרוּשָׁלַיִם | אִיבֶּערָאל |

| נֶעם אַרוּם פַאר וֶועמֶען? | | | |
|---|---|---|---|
| מַעֲשֵׂר רִאשׁוֹן | דֶער בַּעַל הַבַּיִת | אַ לֵוִי | אַ יָתוֹם און אַ אַלְמָנָה |
| מַעֲשֵׂר שֵׁנִי | דֶער בַּעַל הַבַּיִת | אַ לֵוִי | אַ יָתוֹם און אַ אַלְמָנָה |
| מַעֲשֵׂר עָנִי | דֶער בַּעַל הַבַּיִת | אַ לֵוִי | אַ יָתוֹם און אַ אַלְמָנָה |

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# מַאךְ אַ סִימָן

| בֵּיי דִי רֶעכְטֶע זֵייט<br>וֶועלְכֶע אִיז פוּן<br>שִׁבְעַת הַמִּינִים | | בֵּיי דִי לִינְקֶע זֵייט<br>וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט פוּן<br>שִׁבְעַת הַמִּינִים |
|---|---|---|
| ☐ | קַארְטָאפְּל | ☐ |
| ☐ | וֵוייץ | ☐ |
| ☐ | מַאראַנְצְן | ☐ |
| ☐ | עֶפֶּעלֶעךְ | ☐ |
| ☐ | גֶערְשְׁטְן | ☐ |
| ☐ | טְרוֹיבְּן | ☐ |
| ☐ | פְּלָאמֶען | ☐ |
| ☐ | בַּארְן | ☐ |
| ☐ | פֵייגְן | ☐ |
| ☐ | מִילְגְרוֹים | ☐ |
| ☐ | אֵיילְבִּירְטְן | ☐ |
| ☐ | מֵייעֶרְן | ☐ |
| ☐ | טֵייטְלֶען | ☐ |

## תַלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא

מַאךְ אַ סִימָן בֵּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

אִין וָועלְכֶע לַאנְד אִיז שַׁייךְ דִי מִצְוָה פוּן בִּיכּוּרִים ?

- ◇ אִין אַלֶע לֶענְדֶער
- ◇ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

פוּן וֶוען אִיז מֶען מְחוּיָב גֶעוָוארְן מִיט דִי מִצְוָה פוּן בִּיכּוּרִים?

- ◇ פוּן גְלֵייךְ וֶוען מְ'אִיז אַרַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
- ◇ פוּן נָאךְ וָואס מְ'הָאט אֵיינְגֶענוּמֶען אוּן צוּטֵיילְט דִי לַאנְד

פוּן וָועלְכֶע פֵּירוֹת קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען דִי בִּיכּוּרִים ?

- ◇ פוּן אַלֶע פֵּירוֹת
- ◇ פוּן דִי שִׁבְעַת הַמִינִים

פוּן וֶוען הֵייסְן זֵיי בִּיכּוּרִים ?

- ◇ פוּן וֶוען מְ'מַאכְט אוֹיף דִי פְּרִי אַ סִימָן
- ◇ פוּן וֶוען מְ'טְרָאגְט עֶס אַרוֹיף קֵיין יְרוּשָׁלַיִם

אַוואוּ הָאט מֶען אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי בִּיכּוּרִים ?

- ◇ אִין אַ קוֹישׁ
- ◇ אִין אַ זֶעקְל

אִין וָועלְכֶע קוֹישׁ הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט דִי בִּיכּוּרִים ?

- ◇ אִין אַ גָאלְדֶענֶע קוֹישׁ
- ◇ דֶער אָרִימַאן אִין אַ הָאלְצֶענֶע אוּן דֶער עוֹשֶׁר אִין אַ גָאלְדֶענֶע אָדֶער אִין אַ זִילְבֶּערְנֶע

וֶועמֶען הָאט מֶען יָא צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי קוֹישׁ?

- ◇ פַאר דִי עוֹשֶׁר
- ◇ פַאר דִי אָרִימַאן

וֶועמֶען הָאט מֶען נִישְׁט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי קוֹישׁ?

- ◇ פַאר דִי עוֹשֶׁר
- ◇ פַאר דִי אָרִימַאן

פַאר וֶועמֶען הָאט מֶען אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי בִּיכּוּרִים?

- ◇ פַאר דִי לְוִיִּם
- ◇ פַאר דִי כֹּהֵן

אַוואוּ הָאט דֶער כֹּהֵן אַרָאפּ גֶעלֵייגְט דִי בִּיכּוּרִים ?

- ◇ אַנְטְקֶעגְן דִי מִזְבֵּחַ
- ◇ אַנְטְקֶעגְן דִי מְנוֹרָה

וֶוען הָאט מֶען גֶעזָאגְט אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי ?

- ◇ פַארְן גֶעבְּן פַארְ'ן כֹּהֵן
- ◇ נָאכְן גֶעבְּן פַארְ'ן כֹּהֵן

בֵּיי וָועלְכֶע מִצְוָה הָאט מֶען אָפְּגֶעוַוארְט דִי אִידְן ?

- ◇ בֵּיי מַעֲשֵׂר
- ◇ בֵּיי בִּיכּוּרִים

וֶוער הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי בִּיכּוּרִים ?

- ◇ דֶער כֹּהֵן
- ◇ דֶער כֹּהֵן צוּזַאמֶען מִיט דֶער בַּעַל הַבַּיִת

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# קֶעסְטֶל רֶעטֶענִיש

פַאנְג אָן צוּ גֵיין פוּן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע קֶעסְטְלֶעךְ אוּן טְרֶעף אוֹיס:

הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם וּבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ אֶת יִשְׂרָאֵל וְאֵת הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לָנוּ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבֹתֵינוּ אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ:

חִטָּה שְׂעוֹרָה גֶּפֶן תְּאֵנָה רִימוֹן זַיִת וּדְבָשׁ:

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| הַ | ש | ק | ה | מ | מ | ע | ל | א | ב | ת | ש | ט | חִ |
| ב | ו | י | פ | ק | ן | ו | ת | ש | ש | י | נ | ה | ש |
| ע | מ | ד | ש | ד | א | ש | ע | ב | ב | ו | ו | א | ע |
| ת | ן | ה | א | ו | כ | ר | ב | ד | ד | ז | ץ | ר | ו |
| ש | ה | ת | ד | נ | ש | נ | ש | ו | ו | ב | מ | ה | ר |
| מ | י | א | מ | ל | ה | ת | ת | ת | ב | ת | פ | ג | ח |
| ת | ם | ו | ה | א | ש | ר | נ | י | ל | ח | ן | ת | א |
| ב | ו | ל | א | ר | ש | י | ת | ז | ת | ו | ר | ה | נ |
| ר | ד | א | ת | ע | מ | ד | א | ן | ו | מ | י | ר | ה |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן פוּן וֶועלְכֶע יוֹם טוֹב בִּיז וֶועלְכֶע יוֹם טוֹב
הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט אוּן מ'הָאט אוֹיךְ גֶעלֵייְנְט דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּיכּוּרִים

פוּן: | | | | | | |

בִּיז: | | | | |  | | | | |